NEW

# לקוטי שיחות

SHELACH שלח

VOLUME 2, P. 320-325

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was the first of his family born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# SHELACH I | שלח א

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Shelach,* 5715 (1955)

## Introduction

A father watches his children grow, delighting as each follows the path that best suits their character. Some are creative thinkers, others are practical builders, while still others are devoted caregivers. All are precious to him, each contributing something vital to the family. When a crisis threatens, he doesn't pray for any one child over the others – he prays for the family's success and continuity.

Consider this dynamic within the context of this week's Torah reading, which relates that when Moshe sent twelve hand-picked men to scout the Promised Land, he offered a protective prayer only for Yehoshua. This seems puzzling. Like the father in our analogy – and perhaps even more so – Moshe was willing to sacrifice himself for all Jews, even those who worshiped the Golden Calf. Why then didn't he pray for the other spies, who were also worthy at the time?

In exploring this question, the Rebbe invites us to examine different paths of Divine service and their relationship to communal purpose. The answer ultimately centers on our people's destiny: what was the Divine intent in bringing the Jewish people to *Eretz Yisrael*, and what personal qualities are necessary to fulfill that goal?

# Aligned With G-d's Intent

## Should Prayer Be Selective?

**1.** This week's Torah reading relates,[1] "**Moshe called Hoshea, the son of Nun, 'Yehoshua.'" Commenting on that verse, the Talmud**[2] notes that by changing his name to Yehoshua, **Moshe was praying, "May G-d save you (*yoshiacha*) from the counsel of the spies."**

This comment provokes several questions: **Since the spies were worthy at that time, why did Moshe pray, "May G-d save you from the counsel of the spies"?** (We are **forced** to say that the spies were all worthy at the outset. **Otherwise, Moshe would not have agreed to send them** – and sending them **was dependent on Moshe,** as implied by G-d's command, "**Send for yourself…,**" interpreted by our Sages to mean, "**According to your judgment.**")[3]

True, it could **be said that even though they were worthy, nevertheless, Moshe was concerned about the possibility of something** negative **happening, and therefore he prayed for Yehoshua. However, this explanation** still **requires clarification: Why did he pray only for Yehoshua and not for everyone else?**

א. אוֹיף דֶעם וואָס שְׁטֵייט אִין דֶער הַיְינְטִיקֶער סֶדְרָה וַיִּקְרָא מֹשֶׁה לְהוֹשֵׁעַ בִּן נוּן יְהוֹשֻׁעַ, ווערְט גֶעבְּרַאכְט אִין גְמָרָא[א], אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעווֶען, "יָ־ה יוֹשִׁיעֲךָ מֵעֲצַת מְרַגְּלִים". דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, ווִיבַּאלְד אַז דִי מְרַגְּלִים זַיְינֶען דָאךְ גֶעווֶען כְּשֵׁרִים בְּאוֹתָהּ שָׁעָה, אוּן אַזוֹי אִיז דָאךְ אוֹיךְ מוּכְרָח, ווַיְיל אוֹיבּ נִיט וואָלְט דָאךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ נִיט מַסְכִּים גֶעווֶען צוּ שִׁיקְן זֵיי (עֶס אִיז דָאךְ גֶעווֶען תָּלוּי אִין מֹשֶׁה'ן, ווִי עֶר זָאגְט שְׁלַח לְךָ - לְדַעְתְּךָ), אִיז צוּלִיבּ וואָס הָאט עֶר מִתְפַּלֵּל גֶעווֶען יָ־ה יוֹשִׁיעֲךָ מֵעֲצַת מְרַגְּלִים?

אוּן אוֹיבּ מֶען ווֶעט זָאגְן אַז כָאטשׁ זֵיי זַיְינֶען גֶעווֶען כְּשֵׁרִים, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן הָאט מֹשֶׁה פַארְטְרַאכְט טָאמֶער ווֶעט עֶפֶּעס גֶעשֶׁען, אוּן מִצַּד דֶעם הָאט עֶר מִתְפַּלֵּל גֶעווֶען פַאר יְהוֹשֻׁעַ'ן, אִיז דָאךְ נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק, פַארְווָאס הָאט עֶר מִתְפַּלֵּל גֶעווֶען בְּלוֹיז פַאר יְהוֹשֻׁעַ'ן אוּן נִיט פַאר אַלֶעמֶען?

## Confronting the Slippery Slope

**2.** This question can be answered after first focusing on another puzzling phenomenon which our Sages have tried to explain: **How is it possible for a Jew to transgress? A Jew is a descendant**

ב. עֶס שְׁטֵייט אִין גְמָרָא[ב]: כַּךְ אוּמָנָתוֹ שֶׁל יֵצֶר הָרָע הַיּוֹם אוֹמֵר לוֹ עֲשֵׂה כַּךְ וּלְמָחָר אוֹמֵר לוֹ עֲשֵׂה כַּךְ, עַד שֶׁאוֹמֵר לוֹ עֲבוֹד עֲבוֹדָה זָרָה. דִי גְמָרָא דֶערְקְלֶערְט,

1. *Bamidbar* 13:16.

**2. *Sotah* 34b.**

3. *Midrash Tanchuma, Parshas Shelach* (Buber ed.), sec. 8; *Tana D'vei Eliyahu,* ch. 29; *Rashi* on the verse.

of Avraham, Yitzchak, and Yaakov. He possesses a soul about which he states every morning,[4] "The soul that You have given me is pure; You created it, You formed it, You breathed it into me, and You preserve it within me." How then is it possible that he violate a command of his Creator?

The Talmud[5] answers that the evil inclination (*yetzer hara*) is crafty. A person does not lapse into severe sin at once; rather, his spiritual descent takes place step by step. "This is the craft of the *yetzer hara*: today it tells him [about something extremely minor], 'Do this,' and tomorrow it tells him [about something slightly more serious], 'Do this,' until [finally], it tells him, 'Worship idols.'"

To illustrate how the *yetzer hara* works: There are levels in the observance of *mitzvos*: There is a concept of *hiddur mitzvah* (fulfilling a *mitzvah* in a beautiful and meticulous manner) and, conversely, it is possible – as the Talmud says – to fulfill a *mitzvah* in such a way that one technically carries out the act, but nonetheless he does not fulfill his obligation. At the outset, the *yetzer hara* will come to a person with an assertion, "Why do you need to fulfill the *mitzvah behiddur*? Fulfilling it in an ordinary manner is sufficient." After that, the *yetzer hara* will come and suggest that he fulfill the *mitzvah* in a minimal manner, barely discharging his obligation. In this way, little by little, it gains a foothold so that, ultimately, it can tell the person to violate a prohibition.

Now, if such a progression applies regarding every individual *mitzvah* – i.e., by beginning to show leniency in the *mitzvah*, as a matter of course, one creates an opening to violate a prohibition – how much more so does this apply regarding the *mitzvah* of *ahavas Yisrael* (loving one's fellow Jew), which is the foundation of all the *mitzvos*. As the *Talmud Yerushalmi*[6] states, "Rabbi Akiva said, 'Love your fellow as yourself'[7] –

וִוי קוּמְט עֶס אַז אַ אִיד זָאל עוֹבֵר זַיְין אַן עֲבֵירָה? אַ אִיד וָועלְכֶער אִיז מִבְּנֵי אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב אוּן הָאט אַ נְשָׁמָה, וָואס נְשָׁמָה שֶׁנָּתַתָּ בִּי טְהוֹרָה הִיא אַתָּה בְרָאתָהּ אַתָּה יְצַרְתָּהּ אַתָּה נְפַחְתָּהּ בִּי וְאַתָּה מְשַׁמְּרָהּ בְּקִרְבִּי, הַיְינְט וִוי קוּמְט עֶס עֶר זָאל עוֹבֵר זַיְין אוֹיף דֶעם צִיוּוּי פוּן זַיְין בּוֹרֵא? עֶנְטְפֶערְט אוֹיף דֶעם דִי גְמָרָא, אַז כַּךְ אוּמָנָתוֹ שֶׁל הַיֵּצֶר הָרָע, עֶס אִיז נִיט מִיט אַמָאל, נָאר עֶס אִיז בִּיסְלֶעכְוַויְיז.

אִין מִצְוֹות אִיז דָאךְ פַּארַאן דֶער עִנְיָן פוּן הִידּוּר מִצְוָה, אוּן עֶס קָאן זַיְין - וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט - אַן אוֹפֶן וָואס מֶען זָאל טַאקֶע מְקַיֵּים זַיְין דִי מִצְוָה אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן נִיט יוֹצֵא זַיְין. אִיז צוּם אָנְפַאנְג קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע מִיט דֶער טַעֲנָה, וָואס עֶפֶּעס מוּזְסְטוּ מְקַיֵּים זַיְין דִי מִצְוָה בְּהִידּוּר, זַיי מְקַיֵּים דִי מִצְוָה סְתַם; נָאךְ דֶעם קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע אוּן טַעֲנֶה'ט עֶר זָאל מְקַיֵּים זַיְין דִי מִצְוָה וִוי מֶען אִיז יוֹצֵא עַל פִּי הַדְּחַק; אוּן אַזוֹי צוּבִּיסְלֶעךְ בַּאקוּמְט עֶר אַ נְתִינַת מָקוֹם אִים צוּ זָאגְן עֶר זָאל עוֹבֵר זַיְין אַן אִיסּוּר.

אוֹיבּ עֶס אִיז אַזוֹי אִין יֶעדֶער מִצְוָה פְּרָטִית, אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען הוֹיבְּט אָן מֵקִיל זַיְין אִין אַ מִצְוָה ווֶערְט שׁוֹין בְּמֵילָא אַ נְתִינַת מָקוֹם צוּ עוֹבֵר זַיְין אַן אִיסּוּר, הַיְינְט מִכָּל שֶׁכֵּן אִין מִצְוַת אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל, וָואס דָאס אִיז דָאךְ דֶער יְסוֹד כָּל הַמִּצְוֹות, וִוי דֶער יְרוּשַׁלְמִי[ג] זָאגְט: אָמַר רַבִּי עֲקִיבָא וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ

4. The morning blessing *Elokai Neshamah*.

5. *Shabbos* 105b.

6. *Talmud Yerushalmi, Nedarim* 9:4.

7. *Vayikra* 19:18.

**this is a great principle in the Torah." If one is sparing in *ahavas Yisrael*, it creates an opening for** acting in **the opposite** manner, **G-d forbid.**

זֶהוּ כְּלַל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה, אִיז אוֹיבּ מֶען אִיז מֵקִיל אִין אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל גִיט עֶס אַ נְתִינַת מָקוֹם לְהֵיפֶּךְ חַס וְשָׁלוֹם.

## Divergent Spiritual Paths

**3. The Talmud[8] relates** a fundamental story **regarding *ahavas Yisrael:*** A prospective **convert came to Shammai requesting, "Teach me the entire Torah [while I stand] on one foot."** Shammai **pushed him away with a builder's measuring rod. When he came to Hillel, Hillel** gently **told him, "What is hateful to you, do not do to your fellow. The rest is commentary** – go learn." **The story raises a question: Since Hillel made this statement, it is surely true. That being so, why did Shammai not give him the same answer?**

ג. װעגְן אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל דֶערְצֵיילְט דִי גְמָרָא[ח] אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ גֵר צוּ שַׁמַּאי אוּן צוּ אִים גֶעזָאגְט: לַמְּדֵנִי כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ עַל רֶגֶל אַחַת, דְּחָפוֹ בְּאַמַּת הַבִּנְיָן. װען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ הִלֵּל'ן הָאט אִים הִלֵּל גֶעזָאגְט: דַּעֲלָךְ סְנִי לְחַבְרָךְ לָא תַעֲבִיד, וְאִידָךְ פֵּירוּשָׁא הוּא. אִיז דָאךְ אַ קַשְׁיָא, װיבַּאלְד אַז הִלֵּל הָאט אַזוֹי גֶעזָאגְט אִיז עֶס דָאךְ אַן עִנְיָן װעלְכֶער אִיז אַזוֹי בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, הַיְינְט פַארְװָאס הָאט שַׁמַּאי אִים נִיט גֶעזָאגְט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ?

**This** can be explained as follows: **There are two modes in the Divine service and conduct of *tzadikim*** (**"righteous"**). **There are *tzadikim* whose** mode of Divine service depends on **conduct that is** removed from the world. **They follow the approach of *gevurah*** (**"might"**)[9] **which is characterized by elevation,** lifting themselves above the limits of the world **and refraining from involving themselves with its physical** substance. **As stated in *Likkutei Torah,*[10]** in certain instances, even **their fulfillment of *mitzvos* is in a spiritual manner,** without relating to materiality, **as was the case with Rabbi Shimon bar Yochai when he hid in a cave** while fleeing the Romans.[11]

נָאר דֶער עִנְיָן אִיז: אִין עֲבוֹדַת וְהַנְהָגַת הַצַּדִּיקִים זַיְינֶען דָא צְוֵוי אוֹפַנֵּי עֲבוֹדָה, פַארַאן אַ הַנְהָגָה פוּן צַדִּיקִים װי זֵיי זַיְינֶען פַאר זִיךְ, אַ הַנְהָגָה פוּן קַו הַגְּבוּרוֹת װָאס זֵייעֶר עִנְיָן אִיז הַעֲלָאָה, אוּן זֵיי הָאבְּן נִיט צוּ טָאן אִין גַּשְׁמִיּוּת הָעוֹלָם, װי עֶס װערְט גֶעבְּרַאכְט אִין לִקּוּטֵי תּוֹרָה[י] אַז זֵייעֶר קִיּוּם הַמִּצְווֹת אִיז בְּרוּחְנִיּוּת, אוּן אַזוֹי װי בַּיי רַשְׁבִּ"י בְּעֵת עֶר אִיז גֶעװען אִין דֶער מְעָרָה.

**The implication is that such Divine service is not meant for the general public. It is appropri-**

דָאס הֵייסְט אַז דִי עֲבוֹדָה אִיז נִיט פַארְן כְּלַל. דִי צַדִּיקִים װָאס זֵיי זַיְינֶען

---

**8. *Shabbos* 31a.**

9. *Gevurah,* translated as "might," refers to the ability to summon up inner power. In that way, it differs from *koach,* which is often translated as "strength." As such, the Divine attribute of *gevurah* represents the outpouring of overwhelming Divine energy that is beyond the limits of a created being. For that reason, it is identified with fire which – in contrast to water which has a tendency to descend and take the shape of the container in which it is poured – rises up to its source above and consumes the wick that holds it.

**10. *Likkutei Torah, Vayikra,* p. 18a.**

11. See *Shabbos* 33b. While hiding in the cave, it was not possible for Rabbi Shimon bar Yochai to actually observe *mitzvos* like *lulav, sukkah,* or *matzah* and he had to content himself with carrying out the spiritual intent of these *mitzvos.* Although the *tzadikim* mentioned in the main text do observe *mitzvos* on the physical plane, their primary intent in doing so is to identify with the spiritual theme of the *mitzvah* rather than be focused on elevating the physical substance of the object with which it is fulfilled.

דָא לְמַטָּה אַזוֹי ווִי לְמַעְלָה, פַאר זַיי אִיז עֶס אַן עִנְיָן, אָבֶּער אִין וֶועלְט הָאט עֶס קֵיין אָרְט נִיט. ווִי רַשְׁבִּ״י זָאגְט[י]: אֶפְשָׁר אָדָם חוֹרֵשׁ וְזוֹרֵעַ תּוֹרָה מַה תְּהֵא עָלֶיהָ כו׳, אוּן דִי גְמָרָא פִּירְט אוֹיס הַרְבֵּה עָשׂוּ כְּרַשְׁבִּ״י וְלֹא עָלְתָה בְּיָדָם.

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ בֵּית שַׁמַּאי, וָואס זֵייעֶר עֲבוֹדָה וְהַנְהָגָה אִיז פוּן קַו הַגְּבוּרוֹת, וָואס שַׁמַּאי אִיז מִלְּשׁוֹן הַשָּׁם אוֹרְחוֹתָיו, אַלְץ אָפְּגֶעשַׁאצְט, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין לִקּוּטֵי תּוֹרָה[ז], אִיז פַאר זֵיי אַלֵיין אִיז עֶס גֶעוֶועְן אַ דֶרֶךְ, אָבֶּער אִין וֶועלְט הָאט עֶס קֵיין אָרְט נִיט, דֶערְפַאר אִיז אֵין הֲלָכָה כְּבֵית שַׁמַּאי, אוּן נָאךְ מֶערֶער, בֵּית שַׁמַּאי בִּמְקוֹם בֵּית הִלֵּל אֵינָהּ מִשְׁנָה[ח].

דֶערְפַאר אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער גֵר צוּ שַׁמַּאי׳ן אוּן גֶעזָאגְט לַמְּדֵנִי כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ עַל רֶגֶל אַחַת, אִיז מִצַּד שַׁמַּאי׳ס הַנְהָגָה וָואס אִיז גֶעוֶוען מִצַּד קַו הַגְּבוּרוֹת, אָפְּגֶעטְרָאגְן פוּן וֶועלְט, הָאט עֶס קֵיין אָרְט נִיט גֶעהַאט, וּדְחָפוֹ בְּאַמַּת הַבִּנְיָן. אַמַּת הַבִּנְיָן מֵיינְט אַ מָאס. אִיז מִצַּד מְדִידָה וְהַגְבָּלָה פוּן שַׁמַּאי׳ס בִּנְיָן, דְּחָפוֹ, ווַייל דָארְט הָאט עֶס קֵיין אָרְט נִיט.

**ate for *tzadikim* whose existence on the material plane mirrors their existence in the spiritual realms. However, it has no place in the world** at large. **This** is reflected by **Rabbi Shimon bar Yochai's** approach that the totality of a Jew's efforts be devoted to Torah study, **as he commented,**[12] **"Is it possible that a person should plow and sow –** [if so,] **what will become of the Torah?" and the Talmud's conclusion in that source, "Many tried to emulate Rabbi Shimon bar Yochai and did not succeed."**

**Similar** concepts apply regarding **the School of Shammai, whose Divine service and conduct followed the vector of *gevurah*. The name Shammai (שַׁמַּאי) derives from the phrase *hashom* (הַשָּׁם) *orchosav* ("one who evaluates his ways").**[13] Since Shammai's Divine service derived from the attribute of *gevurah* – **everything was** precisely **assessed** to ensure it met the appropriate standards,[14] **as stated in *Likkutei Torah*.**[15] **For individuals** who follow that approach, **it is a** valid **path, but it has no place in the world** at large. **Therefore, the *halachah* does not follow the School of Shammai. Indeed,** our Sages teach[16] that **in comparison to the teachings of the School of Hillel, "**[the teachings of] **the School of Shammai are not considered"** relevant regarding the determination of *halachah.*

**Accordingly, when the** prospective **convert came to Shammai – whose conduct was rooted in the vector of *gevurah*, removed from the world – and said, "Teach me the entire Torah** [while I stand] **on one foot," Shammai** saw **no place for** such a request **and "pushed him away with a builder's measuring rod."** Shammai used **such a tool** to imply that the prospective convert did not measure up to Shammai's standards. **Therefore,** motivated by the perspective of rigid **assessment and limitation** that characterized his approach, **Shammai pushed him away. There was no place for this prospective convert** in a **structure** that conformed to such standards.

---

**12. *Berachos* 35b.**

13. Cf. *Sotah* 5b; *Moed Katan* 5a.

14. As implied by our Sages' teaching (*Avos* 4:1) – "Who is a *gibor* ('mighty man')? One who conquers his natural inclination" – *gevurah* ("might") is intrinsically connected with self-control and maintaining standards of appropriate conduct. For that reason, the attribute of *gevurah* is often associated with *din* ("judgment").

**15. *Likkutei Torah, Shir HaShirim,* p. 48c.**

**16. *Berachos* 36b, *Beitzah* 11b, *Yevamos* 9a.**

**However,** there was a different outcome **when** the prospective convert **came to Hillel, whose** Divine service was reflected by the phrase,[17] ***behilo neiro,* "when His lamp shone forth,"** i.e., it was characterized by *chesed* ("kindness") **and drawing down** Divine light and beneficence. **Hillel found a place for** the prospective convert **and taught him that, through *ahavas Yisrael,* one** is able to attain **the entire Torah.**

בְּשַׁעַת עֶר אִיז אָבֶּער גֶעקוּמֶען צוּ הִלֵּל'ן, וְואָס זַיְין עִנְיָן אִיז[ט] בְּהִלּוֹ נֵרוֹ, חֶסֶד וְהַמְשָׁכָה, הָאט עֶר אוֹיךְ פַּאר אִים גֶעפוּנֶען אַן אָרְט, אוּן הָאט גֶעזָאגְט אַז דוּרְךְ אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל הָאט מֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ.

## What Makes a True Leader?

**4. The *Zohar*[18] speaks of three *tzadikim* – Noach, Avraham, and Moshe – each one living in a generation** in which there were many **with** severe spiritual **failings. In Noach's generation, at the time of the Flood, Noach prayed only for himself and his household; he did not think about the rest of his generation at all. It was only that when people came and asked him why he was building the ark, he told them that G-d was going to bring a flood upon the world and he** advised **them** about the need to improve their conduct. **However,** this **was only when they came to him – he himself did not go to them. The *Zohar* is harshly critical of** him for **this manner of conduct.**

By contrast, **Avraham did not wait until people came to him. Instead, "he called there in the name of the L-rd, the eternal G-d;"[19] he went to everyone and publicized G-dliness throughout the world. However,** fundamentally, **his service consisted of making everyone into *tzadikim*. He**

ד. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר[י] וֶועגְן דְרַיי צַדִּיקִים וְואָס יֶעדֶער פוּן זֵיי אִיז גֶעוֶועזְן אִין אַ דוֹר וְואָס אִיז גֶעוֶועזְן נִיט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיְין: נֹחַ, אַבְרָהָם אוּן מֹשֶׁה. בְּדוֹרוֹ שֶׁל נֹחַ בְּשַׁעַת הַמַּבּוּל, הָאט נֹחַ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶועזְן בְּלוֹיז פַאר זִיךְ אַלֵיין אוּן פַאר זַיְינֶע בְּנֵי בַיִת, אוּן וֶועגְן דֶעם גַאנְצְן דוֹר הָאט עֶר נִיט גֶעטְרַאכְט. מֶער נִיט בְּשַׁעַת מֶען אִיז גֶעקוּמֶען אוּן מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט צוּלִיבּ וְואָס עֶר בּוֹיט דִי תֵּיבָה, הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֵייט בְּרֶענְגֶען אַ מַבּוּל אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן הָאט זֵיי גֶע'מוּסָר'ט. אָבֶּער דָאס אִיז גֶעוֶועזְן בְּשַׁעַת מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים, עֶר צוּ זֵיי אִיז דָאךְ נִיט גֶעגַאנְגֶען, זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער זֹהַר אַ שְׁוֶוערְן וָוארְט.

אַבְרָהָם הָאט נִיט גֶעוַוארְט בִּיז מֶען אִיז צוּ אִים גֶעקוּמֶען, נָאר וַיִּקְרָא שָׁם בְּשֵׁם הֲוָיָ' אֵ-ל עוֹלָם[יא], עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אַלֶעמֶען וּפִרְסֵם אֱלֹקוּת בָּעוֹלָם. אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִין וָואס אִיז בַּאשְׁטַאנֶען זַיְין עֲבוֹדָה: אִין מַאכְן

---

**17.** ***Iyov* 29:3. See *Likkutei Torah, Shir HaShirim,* p. 48c.**

**18.** ***Zohar,* Vol. I, p. 106a. See also Ibid. 67b.**

**19.** ***Bereishis* 21:33. See** the *maamar* entitled ***Basi LeGani,* 5711, sec. 8,** which quotes *Sotah* 10a-b that states, "Do not read *vayikra* – 'he proclaimed,' but *vayakri* – 'he motivated others to proclaim.'"

The words *E-l Olam,* translated as "the eternal G-d," also lend themselves to the interpretation "G-d of the world," but with an important qualification. The phrase does not say *E-l HaOlam,* "G-d of the world," implying that the world is a separated entity controlled by G-d, but that G-d and the world are one (*Basi LeGani, 5711,* loc. cit.).

**did not pray for anyone who was not a *tzadik.*** For this reason, **when there was a decree against Sodom, he interceded with G-d, "Perhaps there are... righteous people in the city."**[20] In other words, he was pleading with G-d for *tzadikim* – that **if there were *tzadikim* in the city, He should not destroy it for their sake.** Thus, **when** G-d **answered that there were not** even **ten *tzadikim* there, "Avraham returned to his place,"**[21] **without presenting further arguments.**

**However, the conduct of Moshe,** the Jews' ***raya mehemana*** **("faithful shepherd") was different. When the Jews sinned, Moshe Rabbeinu demanded of G-d that He forgive all of them, even the wicked. Not only did he not conduct himself like Noach who prayed only for himself and his household, but on the contrary, Moshe** pleaded that the Jews be saved and he **stipulated,**[22] **"And if not – please erase me from Your book that You have written."**

**Moshe Rabbeinu risked himself for all Jews. According to logic,** acting on sound **reasoning and understanding, there was no basis for praying on behalf of a sinner who worshiped the** Golden **Calf and,** indeed, **did so intentionally. Nevertheless, Moshe Rabbeinu** defended **even such people,** showing **a strength of character and self-sacrifice that transcends reason and understanding. Only such conduct does the holy *Zohar*, the soul of the Torah, call "perfection as befitting." This is the path** to be followed **after the Giving of the Torah;**[23] **this is the sign of a faithful shepherd.**

**A leader of the generation – especially after the Giving of the Torah – risks himself for all**

אַלֶעמֶען פַאר צַדִּיקִים, אָבֶער פַאר נִיט קֵיין צַדִּיקִים הָאט עֶר נִיט גֶעבֶעטְן. בְּשַׁעַת עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי גְזֵירָה אוֹיף סְדוֹם הָאט עֶר גֶעבֶעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן: אוּלַי יֵשׁ גו׳ צַדִּיקִים בְּתוֹךְ הָעִיר, אַז אוֹיב סְ׳זַיְינֶען דָא צַדִּיקִים, זָאל עֶר צוּלִיב זֵיי נִיט חָרוּב מַאכְן דִי שְׁטָאט, אוּן בְּשַׁעַת מֶען הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז קֵיין עֲשָׂרָה צַדִּיקִים זַיְינֶען נִיטָא, אִיז[כ״ב] וְאַבְרָהָם שָׁב לִמְקוֹמוֹ, עֶר הָאט מֶער נִיט גֶעהַאט קֵיין טַעֲנוֹת.

דִי הַנְהָגָה פוּן משֶׁה רַעְיָא מְהֵימְנָא, אִיז אָבֶער גֶעוֶוען אַנְדֶערְשׁ. בְּשַׁעַת דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיקְט הָאט משֶׁה רַבֵּינוּ גֶעמָאנְט בַּיי דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מוֹחֵל זַיְין אַלֶע אִידְן, אוֹיךְ דִי רְשָׁעִים. אוּן נִיט בְּלוֹיז דָאס וָואס עֶר הָאט זִיךְ נִיט גֶעפִירְט וִוי נֹחַ וָואס עֶר הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען בְּלוֹיז פַאר זִיךְ וּבְנֵי בֵיתוֹ, נָאר אַדְרַבָּא, משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט[כ״ג]: וְאִם אַיִן - מְחֵנִי נָא מִסִפְרְךָ אֲשֶׁר כָּתָבְתָּ.

משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זִיךְ אַיְינְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר אַלֶע אִידְן. אוּן הֲגַם אַז עַל פִּי שֵׂכֶל, עַל פִּי טַעַם וְדַעַת הָאט נִיט קֵיין אָרְט מִתְפַּלֵל זַיְין פַאר אַ חוֹטֵא בְּעֵגֶל וּבְמֵזִיד, דָאךְ הָאט זִיךְ משֶׁה רַבֵּינוּ אַיְינְגֶעשְׁטֶעלְט מִיט אַ שְׁטַארְקְן ווִילְן אוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן טַעַם וְדַעַת, אוֹיךְ פַאר זֵיי. אוּן נָאר דִי הַנְהָגָה רוּפְט אָן דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ נִשְׁמְתָא דְאוֹרַיְיתָא - שְׁלִימוּ כִּדְקָא יָאוּת. אוּן דָאס אִיז דֶער דֶרֶךְ נָאךְ מַתַּן תּוֹרָה, אוּן דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַ רַעְיָא מְהֵימְנָא.

אַ מַנְהִיג הַדּוֹר וּבִפְרַט נָאךְ מַתַּן תּוֹרָה שְׁטֶעלְט זִיךְ אַיְין פַאר אַלֶע אִידְן אָן

20. *Bereishis* 18:24.

21. Ibid. 18:33.

22. *Shmos* 32:32.

23. The Rebbe mentions "after the Giving of the Torah" because it was then that the Divine spark became firmly affixed within the souls of every member of the Jewish people, as implied by the verse (*Devarim* 5:4), "Face-to-face G-d spoke to you," i.e., the inner dimensions of G-dliness became a permanent fixture within the inner dimensions of the Jews' souls (*Likkutei Sichos,* Vol. 36, p. 198, Vol. 15, p. 86).

**Jews without exception, whether or not doing so has a place in logic.** Unlike Noach, **he does not** metaphorically **shut himself in an ark with "his sons and his wife and his sons' wives with him,"**[24] **without seeking mercy for the others because they are such-and-such.**[25] **As a result of this** conduct, **the waters of the flood are identified with Noach's name.**[26]

אױסְנַאם, צִי עֶס הָאט אָרְט אִין שֵׂכֶל צִי נִיט. עֶר שְׁלִיסְט נִיט אַײְן אִין אַ תֵּיבָה זִיךְ וּבָנָיו וְאִשְׁתּוֹ וּנְשֵׁי בָנָיו אִתּוֹ, אוּן דִי אִיבֶּערִיקֶע אִידְן - לֹא בָעִי רַחֲמֵי עֲלַיְהוּ, װָארוּם זֵײ זַײנֶען דָאךְ כו׳, וּבְגִין כַּךְ אִקְרוּן מֵי הַמַּבּוּל עַל שְׁמֵיהּ[יד].

**A shepherd of Israel stands up,** demonstrating **actual self-sacrifice, even for a generation** like **the generation** that traveled through **the wilderness. Even Rabbi Akiva — a lover of Israel who declared, "'Love your fellow as yourself,' this is a great principle in the Torah"**[6] **—** spoke critically of the generation that traveled through the wilderness, **stating that "they have no portion in the World to Come."**[27] **Nevertheless, Moshe, the faithful shepherd, stood up even for them and remained in the wilderness for their sake, as the Midrash**[28] comments **on the verse,**[29] **"He executed G-d's righteousness and His judgments for Israel" – Moshe** was buried **in the wilderness, remaining** there so that, ultimately, in the era of the Resurrection of the Dead, he would **take his generation** into *Eretz Yisrael* **with him.**

אַ רוֹעֶה יִשְׂרָאֵל שְׁטֶעלְט זִיךְ אַײְן אוּן מִיט מְסִירַת נַפְשׁוֹ בְּפוֹעַל פַאר אַ דוֹר וָואס אִיז אֲפִילוּ אַ דוֹר הַמִּדְבָּר, וָואס אוֹיף זֵיי זָאגְט רַבִּי עֲקִיבָא - הֲגַם עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל, אוּן זָאגְט[טו] וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ זֶהוּ כְּלַל גָדוֹל בַּתּוֹרָה - אַז אֵין לָהֶם חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא[טז], אִיז אָבֶּער מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דֶער רוֹעֶה נֶאֱמָן, שְׁטֶעלְט זִיךְ אַײְן אוֹיךְ פַאר זֵיי, אוּן בְּלַײבְּט אִיבֶּער אִין מִדְבָּר צוּלִיבּ זֵיי, װִי עֶס שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ[יז] כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר צִדְקַת הֲוָיָ׳ עָשָׂה וּמִשְׁפָּטָיו עִם יִשְׂרָאֵל, אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן אִין מִדְבָּר כְּדֵי מִיטְצוּנֶעמֶען דֶעם דוֹר הַמִּדְבָּר מִיט זִיךְ.

## Where a Leader Must Be Focused

**5. Based on the above, we can understand why Moshe prayed specifically for Yehoshua, "May G-d save you from the counsel of the spies," even though he did not pray for the others.**

ה. לוֹיט דֶעם װֶעט מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן פַאר יְהוֹשֻׁעַ׳ן דַוְקָא, יָ־הּ יוֹשִׁיעֲךָ מֵעֲצַת מְרַגְּלִים, הֲגַם פַאר דִי אִיבֶּערִיקֶע הָאט עֶר נִיט גֶעבֶּעטְן.

***Chassidus***[30] **explains that the reason why the spies did not want to enter** ***Eretz Yisrael*** **was because they did not want to occupy themselves with the material** concerns **of the world. In the wilderness,**

אִין חֲסִידוּת[יח] רֶעדְט זִיךְ אַרוּם דֶער טַעַם פַארְוָואס דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן נִיט גֶעוָואלְט אַרַײנְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוײלֶע זֵיי הָאבְּן נִיט גֶעוָואלְט פַארְנֶעמֶען זִיךְ מִיט גַשְׁמִיוּת הָעוֹלָם.

---

24. *Bereishis* 7:7.

25. In his characteristic mode, the Rebbe does not mention the failings of those for whom the righteous would have to plead for Divine Mercy.

**26. *Zohar,* Vol. I, p. 67b,** citing *Yeshayahu* 54:9, which refers to the Flood as "the waters of Noach."

**27. *Sanhedrin* 108a.**

**28. *Bamidbar Rabbah* 19:13.**

29. *Devarim* 33:21.

**30. *Likkutei Torah, Bamidbar,* p. 36d.**

**the Jews did not have to deal with physical** matters. **Bread** descended **from heaven;** they had **water from Miriam's well; even their clothing was cleaned and pressed by the Clouds of Glory.**[31] **Therefore, they did not want to leave the wilderness and go to *Eretz Yisrael*, where they would have to deal with plowing and sowing, and with people involved in such tasks.**

**For the** other spies **themselves,** remaining in the desert **might have been appropriate. As mentioned earlier, there are *tzadikim* whose conduct stems from the side of *gevuros* ("might")** and their Divine service is not focused on the refinement of the world's material substance. **However, to fulfill** G-d's **purpose** of making **"a dwelling place in the lowest world," the shepherd and leader of the generation must be characterized by *bittul*** ("self-nullification") **and set aside his own preferences to focus on his generation** as a whole.

**For this** same **reason, Calev did not join with the spies. Calev had submitted himself to Moshe, the leader of the generation,** as reflected by his act, **"Calev quieted the people** [and turned their attention] **toward Moshe."**[32] Now, **Moshe represented utter and complete *bittul, bittul bemetzius,***[33] as indicated by his words,[34] ***Venachnu mah,* "And what (*mah*) are we…."** Because of his commitment to Moshe, **Calev** was dedicated to the same goal, setting himself apart from the other spies, as reflected by the verse,[35] **"A different spirit was with him."**

**This is the reason why Moshe prayed specifically for Yehoshua. Moshe knew that Yehoshua would be the leader of the generation after him because "Eldad and Meidad [had] prophesied in the camp,"**[36]

אִין מִדְבָּר הָאבְּן דִי אִידְן נִיט גֶעהַאט צוּ טָאן מִיט גַשְׁמִיוּת, וָוארוּם עֶס אִיז גֶעוועֶן לֶחֶם מִן הַשָּׁמַיִם, מַיִם מִבְּאֵרָהּ שֶׁל מִרְיָם, אוּן אֲפִילוּ דִי לְבוּשִׁים הָאבְּן אוֹיךְ דִי עַנְנֵי הַכָּבוֹד מְנַקֶה וּמְגַהֵץ גֶעוועֶן[ט], דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי נִיט גֶעוואָלְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִדְבָּר אוּן גֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן דָארְט הָאבְּן צוּ טָאן מִיט חֲרִישָׁה וּזְרִיעָה, אוּן בְּנֵי אָדָם חוֹרְשִׁים וְזוֹרְעִים.

פַאר זֵיי אַלֵיין אִיז עֶס אֶפְשָׁר גֶעוועֶן גוּט, ווִי מֶען הָאט גֶערֶעדט פְרִיעֶר אַז עֶס זַיְינֶען דָא צַדִיקִים וָואס זֵייעֶר הַנְהָגָה אִיז מִצַד קַו הַגְבוּרוֹת, אָבֶּער רוֹעֵה הַדוֹר וּמַנְהִיגוֹ, בִּכְדֵי אוֹיסְפִירְן דִי כַּוָנָה פוּן דִירָה בַּתַחְתוֹנִים, מוּז מֶען הָאבְּן דֶעם בִּיטוּל פוּן אַוועֶקְלֵייגְן זִיךְ אָן אַ זַיְיט אוּן צוּטְרָאגְן זִיךְ צוּ דֶעם דוֹר.

דֶערְפַאר הָאט כָּלֵב נִיט גֶעהַאלְטְן מִיט דִי מְרַגְלִים, ווַיְיל כָּלֵב הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ דֶעם בִּיטוּל צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דֶעם מַנְהִיג הַדוֹר, ווִי עֶס שְׁטֵייט[כ] וַיַהַס כָּלֵב אֶת הָעָם אֶל מֹשֶׁה, דְמֹשֶׁה הוּא בְּחִינַת וְנַחְנוּ מָ"ה, בִּיטוּל עַצְמִי, בִּיטוּל בִּמְצִיאוּת[כא], דֶערְפַאר אִיז כָּלֵב - רוּחַ אַחֶרֶת הָיְתָה עִמוֹ.

אוּן דָאס אִיז דֶער טַעַם וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן פַאר יְהוֹשֻׁעַ דַוְקָא, ווַיְיל מֹשֶׁה הָאט גֶעווּאוּסְט אַז יְהוֹשֻׁעַ ווֶעט זַיְין דֶער מַנְהִיג הַדוֹר נָאךְ אִים, וָוארוּם אֶלְדָד וּמֵידָד מִתְנַבְּאִים בַּמַחֲנֶה מֹשֶׁה

---

**31. *Devarim* 8:4; see *Rashi's* commentary on the verse.**

**32. *Bamidbar* 13:30.**

**33. *Torah Or*, p. 68c; *Likkutei Torah, Vayikra*, p. 2a.**

34. *Shmos* 16:7-8, as understood by *Torah Or,* pp. 44a, 49b, *et al. Mah,* "what," represents the transition from non-being to existence, a stage where an entity is not conscious of its selfhood. In many sources, *mah* is identified with the *sefirah* of *chochmah,* of which the Alter Rebbe writes (the marginal note in *Tanya,* ch. 35), "He (G-d) alone exists and there is nothing other than Him; this is the level of *chochmah*."

35. *Bamidbar* 14:24.

**36. Ibid. 11:27.**

**מֵת וִיהוֹשֻׁעַ מַכְנִיס אֶת יִשְׂרָאֵל לָאָרֶץ[כב], דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן אוֹיף אִים, יָ־ה יוֹשִׁיעֲךָ מֵעֲצַת מְרַגְּלִים, אוֹיךְ אֲפִילוּ וָוען כְּשֵׁרִים הָיוּ, ווַיְיל אַ מַנְהִיג הַדּוֹר דַארְף זַיְין צוּגֶעטְרָאגְן צוּ אַלֶעמֶען.**

(משיחת ש״פ שלח תשט״ו)

saying that **"Moshe will die and Yehoshua will bring the Jews into the Land."**[37] **Therefore, Moshe prayed for Yehoshua, "May G-d save you from the counsel of the spies." Although,** at that time, **they were righteous people,** their Divine service was not aligned with the purpose of the people as a whole and **the leader of the generation must be connected to everyone.** Moshe prayed that Yehoshua be guided by such an approach.

---

37. *Sanhedrin* 17a.

---

א) סוטה לד, ב.
ב) שבה קה, ב.
ג) נדרים פרק ט הלכה ד.
ד) שבת לא, א.
ה) ויקרא יח, א.
ו) ברכות לה, ב.
ז) שיר השירים מח, ג.
ח) ברכות לו, ב. ביצה יא, ב. יבמות ט, א.
ט) איוב כט, ג און זע לקוטי תורה שיר השירים מח, ג.
י) חלק א קו, א און זע דארט סז, ב.
יא) בראשית כא, לג. און זע באתי לגני תשי״א סעיף ח.
יב) בראשית יח, לג.
יג) שמות לב, לב.
יד) זהר חלק א סז, ב.
טו) זע הערה ג.
טז) סנהדרין קח, א.
יז) במדבר רבה יט, יג.
יח) לקוטי תורה במדבר לו, ד.
יט) דברים ח, ד און רש״י דארט.
כ) במדבר יג, ל.
כא) תורה אור יתרו סח ג. לקוטי תורה ויקרא ב, א.
כב) במדבר יא, כז. סנהדרין יז, א.

# SHELACH II | שלח ב

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Shelach,* 5713 (1953)

## Introduction

A Jewish professional faces difficult choices day after day, hour after hour: His competitors work seven days a week while he observes *Shabbos*. They start early while he prays first. They cut ethical corners while he maintains strict honesty. By every logical calculation, they should outpace him. Yet somehow, he thrives.

This scenario illuminates a profound puzzle embedded in the *mitzvah* of *tzitzis*. The numerical value of the word *tzitzis* ("fringes") reminds us of all 613 commandments,[1] but why must they hang from a *tallis* – a surrounding garment? If the purpose is remembrance, wouldn't the fringes alone suffice? What does the encompassing *tallis* add to this daily reminder?

The Rebbe's teaching reveals that this seemingly technical detail contains a revolutionary insight about living Torah in a material world. The relationship between *tzitzis* and *tallis* mirrors the relationship between Divine commandments and their transcendent source. In doing so, it unlocks the secret of how Jews can operate beyond the apparent constraints of natural logic while achieving success that defies conventional wisdom.

1. *Tzitzis* (ציצית) is numerically equivalent to 600. With the eight strands and five knots, this equals 613.

# Wisdom Beyond the Fringe

## A Meaningful Reminder

1. The Midrash[1] relates that Moshe asked G-d, "What is the purpose of giving the Jews Torah and *mitzvos* when they find themselves in this material, physical world? Is it not possible that they will forget the entire matter?"

G-d answered, "I will give them the *mitzvah* of *tzitzis* ("fringes"), through which they will remember all the *mitzvos* because *tzitzis* (**ציצית**)[2] is numerically equivalent to 600. With the eight strands and five knots, this equals 613. This will remind them of all the *mitzvos*, as it is written, 'You shall see it and remember all of G-d's commandments.'"[3]

At first glance, the teaching requires explanation. Since the purpose of *tzitzis* is to remind one of the *mitzvos*, why do we need a garment, a *tallis*, to which attach the *tzizis*? The main thing is the *tzitzis* themselves, which remind us of the 613 *mitzvos* as mentioned above. We could have taken the *tzitzis* alone; why is a *tallis* ("garment")[4] required?

The explanation is that a *tallis* represents something encompassing. In contrast to food that one ingests, it is a garment that surrounds one from the outside. In *Chassidus,* the term *makif*, "surrounding" or "encompassing," is used to refer to transcendent G-dly light, G-dliness

א. עֶס שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן: וָואס אִיז דִי פְּעוּלָּה פוּן דֶעם וָואס דוּ הָאסְט גֶעגֶעבְּן דִי אִידְן תּוֹרָה וּמִצְוֹת, וִוייַבַּאלְד אַז זֵיי גֶעפִינֶען זִיךְ אִין עוֹלָם הַזֶה הַגַשְׁמִי וְהַחוּמְרִי, קָאנֶען זֵיי דָאךְ פַארְגֶעסְן אוֹיף דֶער גַאנְצֶער זַאךְ? הָאט אִים דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: אִיךְ וֶועל זֵיי גֶעבְּן דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית, וָואס דוּרְךְ דֶעם וֶועלְן זֵיי גֶעדֶענְקֶען אַלֶע מִצְוֹת, וָוארוּם "צִיצִית" בַּאטְרֶעפְט זֶעקְס הוּנְדֶערְט, מִיט דִי אַכְט פֶעדִים אוּן מִיט דִי פִינְף קְשָׁרִים, אִיז דָאס תַּרְיַ"ג, בְּמֵילָא דֶערְמָאנְט דָאס אוֹיף אַלֶע מִצְוֹת, וִוי עֶס שְׁטֵייט[כג] וּרְאִיתֶם אוֹתוֹ וּזְכַרְתֶּם אֶת כָּל מִצְוֹת הֲוָיָ'.

אִין פְּלוּג אִיז אָבֶּער נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק, וִוייַבַּאלְד אַז דִי זַאךְ פוּן צִיצִית אִיז אוֹיף דֶערְמָאנֶען דִי מִצְוֹת, אִיז צוּ וָואס דַארְף מֶען אַ טַלִית? דֶער עִיקָר אִיז דָאךְ דִי צִיצִית וָואס זֵיי דֶערְמָאנֶען אוֹיף דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת כַּנַ"ל, הָאט מֶען דָאךְ גֶעקֶענְט נֶעמֶען דִי צִיצִית אַלֵיין אוּן צוּ וָואס דַארְף מֶען אַ טַלִית? נָאר דֶער פְּשַׁט אִין דֶעם אִיז, אַז טַלִית אִיז מַקִיף, וָוארוּם עֶס אִיז דָאךְ נִיט קֵיין מָזוֹן וָואס עֶר נֶעמְט דָאס אַרַיין אִין זִיךְ, נָאר עֶס אִיז אַ לְבוּשׁ וָואס עֶס רִינְגְלְט אִים אַרוּם אוֹיסְוֵוייְנִיק, אוּן

---

1. See *Tana D'Vei Eliyahu Rabbah,* ch. 26.

2. As *written* in the Torah, *tzitzis* is spelled without the second *yud,* in which case the numerical equivalent of the letters would total 590. The above *gematria,* which includes a second *yud,* rests on the view recorded in the Talmud (*Sukkah* 6b) that accords precedence not to the spelling but to the actual pronunciation. (See R. Eliyahu Mizrachi on *Bamidbar* 15:39.)

3. ***Bamidbar,* loc. cit.** See ***Rashi* on the verse.**

4. Although the term *tallis* is used throughout the Talmud to refer to any garment, it is become commonplace to use it primarily to refer to the prayer-shawl worn during the Morning Prayers.

that **we cannot comprehend. We must understand that the 613 *mitzvos* hinted at in the *tzitzis* emerge from the *tallis* – in other words, from a level that transcends intellect.**

**When one takes *tzitzis* alone without a *tallis*, it is not a *mitzvah* at all and reminds one of nothing. But when one wears *tzitzis* as they hang down from a *tallis* – meaning that one knows and acknowledges that the Torah and its *mitzvos* as a whole derive from something that one cannot comprehend at all – then it is a *mitzvah*.**

עֶר קָאן דָאס נִיט בַּאגְרַײפְן. דַארְף מֶען װִיסְן אַז דִי תַּרְיַ"ג מִצְווֹת וָואס זַײנֶען מְרוּמָּז אִין צִיצִית קוּמֶען אַרוֹיס פוּן טַלִית, דָאס הֵייסְט פוּן אַ זַאךְ וָואס עֶס אִיז הֶעכֶער פוּן שֵׂכֶל.

בְּשַׁעַת עֶר וֶועט נֶעמֶען דִי צִיצִית אַלֵיין אָן אַ טַלִית אִיז דָאס קֵיין שׁוּם מִצְוָה נִיט אוּן עֶס דֶערְמָאנְט אִים אוֹיף גָארְנִישְׁט, נָאר בְּשַׁעַת עֶר נֶעמְט אָן דִי צִיצִית וִוי זֵיי הֶענְגֶען אַרָאפּ פוּן טַלִית, דָאס הֵייסְט אַז עֶר וֵויס אוּן אַנֶערְקֶענְט אַז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן תּוֹרָה וּמִצְווֹת קוּמְט פוּן אַ זַאךְ וָואס עֶר קָאן דָאס אִינְגַאנְצְן נִיט בַּאגְרַײפְן, דַאן אִיז דָאס אַ מִצְוָה.

## To Step Beyond Nature's Limits

**2. The conclusion of the passage concerning *tzitzis* states,[5] "I am G-d your L-rd who brought you out of the land of Egypt."** The Hebrew name for Egypt, *Mitzrayim,* shares its root letters with the word *meitzarim,* which means "boundaries" and "limitations." The awareness that G-d takes a Jew out of Egypt, which represents the boundaries and limitations of this material world, is fundamental to the *mitzvah* of *tzitzis.*

**One might conclude that** following **the path of Torah runs contrary to an** ordinary **worldly** perspective. After all, a Jew **is told to observe *Shabbos* and the festivals and even add time from the weekday to the holiness** of these days,[6] **while he has competition from non-Jewish rivals and** even **Jews who are not *Shabbos* observant.**

**He is instructed that the first thing he should do upon waking early in the morning is to pray and then study a portion of Torah; only afterwards, should he go to his**

ב. צוּם סוֹף פַּרְשַׁת צִיצִית שְׁטֵייט[כד] אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם. מֶען קָאן דָאךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן אַז דֶער דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה אִיז אַ הֵיפֶּךְ פוּן דֶּרֶךְ הָעוֹלָם, מֶען מָאנְט בַּײ אִים עֶר זָאל הִיטְן שַׁבָּת אוּן יוֹם־טוֹב אוּן מוֹסִיף זַײן נָאךְ דֶערְצוּ מֵחוֹל עַל הַקֹּדֶשׁ[כה] בְּשַׁעַת עֶר הָאט קָאנְקוּרֶענְטְן אוּן "קָאמְפֶּעטִישָׁאן" פוּן גוֹיִם אוּן לְהַבְדִּיל אִידְן נִיט קֵיין שׁוֹמְרֵי שַׁבָּת. מֶען מָאנְט בַּײ אִים אַז אוֹיפְשְׁטֵייעֶנְדִיק אִינְדֶערְפְרִי זָאל עֶר דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַאוְונֶען אוּן דֶערְנָאךְ לֶערְנֶען אַ שִׁיעוּר, אוּן עֶרְשְׁט נַאכְהֶער קָאן עֶר גֵיין

---

5. ***Bamidbar* 15:41.**

6. See **the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch, Orach Chayim* 261:4.** That source discusses the obligation of *tosfos Shabbos veYom Tov,* which requires us to begin the observance of the holiness of these days before sunset and add some time at the conclusion of these days.

**business. And while already at his business, he is told that in the middle of the day, during the height of business activity, he should drop everything and recite the *Minchah* prayers.** (This highlights how **precious the *Minchah* prayer is.)**[7] **And later at night, he is told to recite the *Maariv* prayers and** later, **the bedtime *Shema*.**

**Additionally, he is charged with** avoiding the slightest shade of **theft, stealing, *ona'ah* (overcharging), and *hasagas gevul* (encroaching on another's livelihood)** – conducting himself differently **than** common-place **business practices. A question** will **form in his mind: How can he conduct himself according to the Torah when** such a way of life seemingly **has no place in** the lifestyle prevalent in **the world** at large?

The message at **the conclusion of the passage of *tzitzis*** provides an answer to this question, teaching **that the concept of *tzitzis* is above reason and understanding, as mentioned above. When one does not reckon with the constraints and limitations of reason and logic, and he fulfills *mitzvos*** with a commitment that **transcends logical** restraints, **G-d then conducts Himself with that person in a way that also transcends the limitations of nature.**

**This is** the message conveyed by the verse, **"I am G-d your L-rd who brought you out of the land of Egypt." Our Sages[8] explained that according to the** prevailing conditions, **it was impossible for even one slave to leave Egypt. Nevertheless, 600,000 men,** plus **women, and children left,**[9] taking with **them great wealth.[10] Every Jew had no less than 90 donkeys carrying silver and gold.[11]** "**Also, a mixed multitude went up with them"**[12] – i.e., even **non-Jews acknowledged** G-d's hand. **All of this transcended the limits of nature entirely.**

אִין דִי בִּיזְנֶעס; אוּן זַייעֶנְדִיק שׁוֹין אִין דִי בִּיזְנֶעס מָאנְט מֶען בַּיי אִים אַז אִין מִיטְן טָאג, בְּשַׁעַת דֶעם רֶעכְטְן קָאךְ פוּן בִּיזְנֶעס, זָאל עֶר אַלְץ אָפְּלָאזְן אוּן גֵיין דַאוְונֶען מִנְחָה - וָואס דָאס אִיז דָאךְ דֶער גוֹדֶל הַחֲבִיבוּת פוּן מִנְחָה; אוּן נַאכְהֶער בַּיְינַאכְט מָאנְט מֶען בַּיי אִים עֶר זָאל דַאוְונֶען מַעֲרִיב אוּן לֵייעֶנֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה; אוֹיךְ מָאנְט מֶען בַּיי אִים עֶר זָאל זַיְין אָפְּגֶעהִיט פוּן גְנֵיבָה גְזֵילָה אוֹנָאָה וְהַשָּׂגַת גְבוּל וָואס דָאס אִיז הֵיפֶךְ פוּן דַרְכֵי הַמִּסְחָר. וֶוערְט דָאךְ בַּיי אִים אַ שְׁאֵלָה, ווִי קֶען עֶר זִיךְ פִירְן עַל פִּי תּוֹרָה, בְּשַׁעַת דָאס הָאט קֵיין שׁוּם אָרְט נִיט אִין וֶועלְט?

אוֹיף דֶעם זָאגְט עֶר אִין סוֹף פַּרְשָׁה צִיצִית, וָואס דֶער עִנְיָן פוּן צִיצִית אִיז לְמַעְלָה מִטַעַם וְדַעַת כַּנַ"ל, אַז בְּשַׁעַת מֶען רֶעכְנְט זִיךְ נִיט מִיט קֵיין מְדִידוֹת וְהַגְבָּלוֹת פוּן טַעַם וְדַעַת אוּן מֶען אִיז מְקַיֵים מִצְווֹת לְמַעְלָה מִטַעַם וְדַעַת, דַאן פִירְט זִיךְ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים אוֹיךְ לְמַעְלָה מֵהַגְבָּלַת הַטֶבַע. אוּן דָאס אִיז אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם - וָואס אֲפִילוּ אֵיין עֶבֶד זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם אִיז, כְּמַאֲמַר רַזַ"ל[כו], גֶעוֶוען אוּממֶעגְלֶעךְ עַל פִּי טֶבַע, אוּן דָאךְ זַיְינֶען אַרוֹיס שֵׁשׁ מֵאוֹת אֶלֶף רַגְלִי הָעָם לְבַד נָשִׁים וְטַף, אוּן אוֹיךְ מִיטְן רְכוּשׁ גָדוֹל, וָואס יֶעדֶער אִיד הָאט גֶעהַאט נִיט וֵוייניקֶער פוּן תִּשְׁעִים חֲמוֹרִים וָואס הָאבְּן גֶעטְרָאגְן כֶּסֶף וְזָהָב[כז], וְגַם עֵרֶב רַב עָלָה אִתָּם, אַז אֲפִילוּ גוֹיִם הָאבְּן דָאס אַנֶערְקֶענְט - וָואס דָאס אַלְץ אִיז דָאךְ לְמַעְלָה מֵהַטֶבַע לְגַמְרֵי.

---

7. See *Sefer HaMaamarim 5677*, p. 87; *Hayom Yom*, entry II Adar 22.

**8. *Mechilta*, quoted by *Rashi* in his commentary on *Shmos* 18:9.**

9. See *Shmos* 12:37.

10. See *Bereishis* 15:14

**11. *Bechoros* 5b.**

12. *Shmos* 12:38.

**This** provides an eternal lesson: **When a Jew does not conduct himself according to the limitations of nature, then "I am G-d your L-rd who brought you out of the land of Egypt" applies – G-d will** bless **him** with **beneficence in children, life, and abundant sustenance**[13] **that transcends the** prevailing **patterns of nature.**

און דָאס אִיז, בְּשַׁעַת אַ אִיד פִירְט זִיךְ נִיט עַל פִּי הַגְבָּלַת הַטֶּבַע, דַאן אִיז אֲנִי הֲוָיָ' אֱלֹקֵיכֶם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם, אַז אוֹיךְ מִלְמַעְלָה אִיז מֶען אִים מַשְׁפִּיעַ לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע בְּבָנֵי חַיֵּי וּמְזוֹנֵי רְוִיחָא.

(משיחת ש"פ שלח, תשי"ג)

13. These three represent the traditional categories of Divine blessing.

כג) במדבר טו, לט און רש"י דארט.
כד) במדבר טו, מא.
כה) שלחן ערוך אומו"ר הזקן סימן רסא סעיף ד.
כו) מכילתא, געבראכט אין רש"י על התורה שמות יח, ט.
כז) בכורות ה, ב.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
David Hendler
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה״ת ר׳ משה יהודה בן ר׳ צבי יוסף ע״ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*